IX/125
1

# אויף דה חורבות פון גרויסן אומגליק

אין א זייט צווישן לוקאוו און װלאדאװע, ניט ווייט פון דער פוילישער פעסטונג דעמבלין האט זיך פונאנדערגעשפרייט דאס שטעטעלע ז. דאס שטעטל איז געווען ארומגעוועבט מיט א נעץ פון שאסייען, וועגן און זייטיקע וועגעלעך, וואס אלע האבן זיי געפירט פונם שטעטל צום פעסטונג און פון דער פעסטונג אין דער גארער ברייטער וועלט אריין.

אין א זייטיק געסל ניטווייט פון דער יאטקעווער האט געוווינט "דער דעמבענער" א הויכער ברייטער ייד מיט א גרויסער ברייטער באָרד און א רויט־אפגעברענט פנים וואס האט געשמעקט מיט זון און וואלד. "דער דעמבענער" דאס איז געווען דער צונאמען פונם שטעטלשן־שוסטער ר' נחום. און ר' נחום אזוי ווי ער זעט אויס מיט זיין שטענדיקער פייפקע אין מויל מאכט ווירקלעך דעם איינדרוק פון עפעס א דעמב, וואס האט זיך ארויסגעריסן פון דערבייאיקן וואלד און זיך געלאזן אינם שטעטל אריין, כדי דארט צו ווערן דער שטאט־שוסטער...

נחום "דער דעמבענער" האט רויק געארבעט, רויק געלעבט און רויק אן טומל און רעש דערצויגן צוויי טעכטער און דריי זין. א גאנצע וואך האט מען געצויגן די דראטוועס געקלאפט שפאלן און אין די מארק־טעג איז ר' נחום אוועק מיט זיינע ביידע טעכטער ארויס אויפן מארק אויף אפצולייזן די סחורה.

אין דער רויקייט פון זיין לעבן האט ר' נחום "דער דעמבענער" געלייגט א גראשן צו א גראשן, געזאמלט און... געטראכט וועגן די טעכטערס נדנים און אין פאל פון עפעס – וועגן ערגערע צייטן. צוויי זיין זיינען אוועק אין פוילישן מיליטער, דער דריטער צוזאמען מיטן פאטער האט געקלאפט די שפאלן, געזונגען לידלעך און דערציילט זיך וועגן אלעם, וואס מען שמועסט אין שטעטל.

דעם ? ווער און די ייִנגסטע טאכטער האבן זיך געפארעט ביי דער ווירטשאפט. אינם שטעטל איז געשטאנען א הייסע צינג וואס האט געגעבן לאקריץ־זיסע מילך אויף א גזשעגדע האבן געגראטזקעט עופות, א הון האט געקוואקעט און פינקטלעך ווי א זייגער געלייגט אייער. פודעל זייער טרייעסטער הויטער האט היגטישן געווארימט זיך אויף דער זון און פון צייט צו צייט געריסן ... בילנדיק סתם אין דער וועלט אריין. די ציגן־מילך פלעגט נוצן ר' נחום צוליב זיין שווערן הוסט וואס האט אים לעצטנס געמאטערט. די אייער פלעגט פארנוצן די עלטערע טאכטער צוליב איר שלאפקייט.

אינם רויקן און געמיטלעכן לעבן פון דער משפחה פונם דעמבענעם האט זיך געפילט ווי א ברכה פון זיין ליבן נאמען. אלץ איז דא אוועק כשורה, אלע זיינען געזונט און פרנסה, אבי זיך ניט צו באקלאגן.

אזוי איז אוועק ביז דער וועלט־מלחמה פון סעפטעמבער 1939.

ווען אינם שטעטל איז געווארן א מהומה צוליב דעם וואס עס איז שוין מלחמה צווישן פוילן און דייטשלאנד האט דער "דעמבענער" א קרעכץ געטאן, וואס עס האט געדארפט באדייטן: מיינע צוויי זין און... ווי קיינמאל גארנישט ווייטער געשפיגן מיט שפאלן צוקלאפנדיק צום טאקט מיטן שוסטערשן העמערל. זיין ווייב האט פארבראכן די הענט, געווײנט אויף איר בראך און באצייטנס גענומען זינגען קלאג־לידער איבער אירע צוויי זין געבעך...

ווען איבערן שטעטל האבן זיך באוויזן די ערשטע דייטשע עראפלאנען און די הייזלעך האבן גענומען ציטערן און אונטערטאנצן, די שויבן פליען און די ווייבער קוויטשען, דאן ערשט האט עס מיטן דעמבענעם א שאקל געטון און ער האט פארשטאנען אויף א אמת, אז די מלחמה האט זיך שוין טאקע אנגעהויבן, אז ער וווינט ניט ווייט פון דער פעסטונג און אז די געפאר קען אמאל זיין גרויס. ווען ער האט מיט זיינע אייגענע אויגן דערזען די מחנות פליטים אנטלויפנדיק פון ווארשע, האט עס מיטן דעמבענעם ווידער א טרייסל געטאן:

הייסט דאס – האט ער געזאגט אין דער וועלט אריין – הייסט דאס, אז מען לויפט שוין?..

ר' נחום געדענקט גוט די ערשטע וועלט־מלחמה פון 1914. ער געדענקט אויך די

GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS VILNIUS

ל"יטים פון יענע יארן.אז מען לויפט איז ביטער,אבער פונדעסטוועגן,אזוי האלט ער
אַר מען ניט,מען דארף ניט לויפן.

- מען טאָר זיך אליין ניט מאכן אומגליקלעך.לויפן הייסט זיך באַגראָבן בידים..

אָט אזא איז געווען זיין מלחמה-פילאָזאָפיע - א רעזולטאט פון זיינע מלחמה-דערפארונ-
גען פון די יארן 1914 - 1918.

ווען מען האט דאָס שטעטל מחבד געווען מיט די ערשטע פאר באַמבארדירונגען,ווען דער
שטעטלשער עולם אונטערן איינפלוס פון דער מגפה פליטים האט גענומען זיך באהאלטן
אויף די פעלדער און אין די ארומיקע וועלדער,האט ר" נחום שטיל און געלאסן געחוזק

- א זעלנער שיסט און די קויל שיקט דער רבונו-של-עולם.דארף עס מיך טרעפן,איז
ניטאָ וואס צו לויפן,הלמאי זיך רויגירן?..

דער גאָלדענער פוילישער הערבסט האט געווארפן מיט זונען-שטראלן ווי אין מיטן תמוז.
ביי טאָג האט די היץ געברענט און לייכט געמאכט די מלחמה-אָפּעראַציעס פון די דייטשע
טאנקען.ביינאכט איז געווען קיל און הארבסטיק - א פארלייכטערונג פאר די פליטים צו
קענען רויק לויפן ניט שרעקנדיק זיך פאר די באָמבעס און איבערפאלן פון די פליער.
ביי טאָג איז דאָס שטעטל אויף א הפקרדיקן אופן באשיט געווארן מיט פייער פון די דייטשע
באָמבארדירער,ביינאכט האט זיך געראַיעט פון לויפער און אנטלויפער.

א גרויסע טייל פון די שטעטלשע איינוווינער האבן שוין לאנג גענומען דעם וועג און
פארלאָזן דאָס שטעטל פארהעמערנדיק אונטער זיך טיר און פענצטער,פארקלאפנדיק זיי
מיט ברעטער ניט זשאלעווענדיק קיין טשוועקעס.טייל זיינען געלאָפן לאזנדיק בכלל אלץ
אויף הפקר ראטעווענדיק נאָר זיך און די פאמיליעס.ר" נחום מיטן זון זיינען געשטאנ[ען]
א גאנצע נאכט פארן הויז,געקוקט ווי מענטשן מאכן פון זיך א טעל,ווי די פרעמדע,די
וואַרשעווער און אנדערע לויפן אין דער הילער העל-אריין,נא פאהיבעל וואס ארום.

[illegible] המקרבים [illegible] די אומלויפעריקע,האט ר" נחום
זיכער און אנטגילטיק באַשלאָסן:

ניין,ער וועט ניט לויפן!

א גאנצע נאכט האט דאָס שטעטל געזידט ווי א קעסל,עס האט געראַיעט ווי אין א בינשטאָ[ק]
מיליטער לויפט ווי געטריבן פון עפעס א נאָענטן יונג.עס לויפן פיירלעשער-אָפּטיילונ-
גען פון שטעט און שטעטלעך,עס לויפט פאליציי,עס לויפן גלחים.מען פארט אויף אוי-
טאָבוסן,אויף לאסט-אויטאָס,אויף אויטאָס פון פריוואטע פירמעס,אויף וועגן און וועגע-
נער,מען שלעפּט זיך פארסאָפּעטע אויף וועליסאָפּעדן,פירנדיק מיט זיך פון אונטן א קי[...]
פון פארנט א קוישל,מען פירט מיט זיך הינט,קעץ און אמוינציקסטן... פעקלעך.די
וועגן זיינען פארשטאָפּט מיט לאַקאָמאַציע און די זייטן-וועגן מיט חמרים מענטשן,האט ר"[...]
זיך צופוס.א טרינק וואסער איז א היילונג,א שטיקל ברויט א זאך פון זעלטנהייט.
א פוילישער הויכער אָפיציר דערנערט זיך מיט א רויען מער און איז צופרידן,א זע[...]
נער בעט א פאפיראָס און איז גרייט אלץ פאר אים אָפּצוגעבן.קוים 5 טעג מלחמה און
אלץ ארום איז ווי א שיף אָן א רודער.מענטשן ווערן חיות און מענטשן ווערן מלאכים.
טייל זיינען גרייט זיך אויסטון נאקעט און העלפן איינער דעם צווייטן מיט אלעם וואס מע[...]
גלעך,טייל - באַגראָבן אלץ פאר זיך און זעען ניט און הערן ניט,בלינד אויף אלעם
וואס ארום!

ער,ר" נחום,ער אבער,ער וועט זיך ניט רירן.

- זאל זיין,וואס עס זאל ניט זיין,ער וועט זיך ניט אָפּרייסן פון די זאפטן פון זיין ער[...]
דאָ האט ער געלעבט און דאָ איז ער גרייט צו שטארבן.איז ער דאך עפעס ביי גאט אין
דער האנט?!..

- ער וועט זיך ניט צעברעכן און צעטרעטן!..

און עס איז אוועק א טאָג און ווידער איז געקומען א נאכט.ווידער א נאכט מיט אלע
אירע גרויליקייטן.דאָס שטעטל ברענט אין אלע עקן.די שטעטלשע,די איינצלנע נאך פאר-
בליבענע פאקן זיך און לויפן.איבערן שטעטל איילן די לעצטע פליטים די לעצטע מי-
ליטער-אָפּטיילונגען.עס איז שוין קלאר ווי דער טאָג: א ליאדע מינוט און דער דייטש וועט
דאָ אריינדרינגען.

ר" נחום "דער דעמבענער" שטייט אויף דער שוועל ווי דער הונט ביי זיין בודע, ער גייט ניט און ער וועט ניט גיין..

פון אנדערטהאלבן פאַב ווי עס אנטשטילט ניט די מחלוקה. "דער דעמבענער" וועט ניט נאָכגעבן - ער גייט ניט

דער זון האָט זיך מיטגעריסן מיטן שטראָם און אנטלאָפן. די טעכטער האלטן זיך מיט דער מאמען. זיי וואַרטן אויפן פאָטער און ר" נחום דער פאָטער זייערער, ווי אן איינגעוואָרצלטער דעמב ער שטייט פאר דער שוועל, קוקט אויף אלעם וואָס עס טוט זיך און האלט זיך ביי דאָס זייניקע:

- גייט ווו איר ווילט, איך פארבלייב.

- איך ריר זיך ניט...

- שטארבן וועל איך, גייט ווו איר ווילט..

מיט די ערשטע זונען־שטראלן האָט דאָס שטעטל ווידער באַקומען די ערשטע פּאַרציע באָמבעס און גראַנאַטן. דער פראָנט איז נאָענט. די שעהן זיינען געציילטע, יעדע מינוט קען ברענגען אומקום. דאָס שטעטל ברענט שוין דעם צווייטן מעת־לעת. ר" נחום "דער דעמבענער" רירט זיך ניט פון אָרט. איינע פון די טעכטער ליגט פארחלשט און די צווייטע איז שוין האלב־וואַנזיניק - עס העלפט ניט. ר" נחום הערט זיך ניט צו צום וויינען און בעטן. פון קיינעם וועט ער זיך איצט ניט לאָזן באַווירקן. קיינער וועט אים ניט איבערצייגן: "לויפט ווו איר ווילא, איך ריר מיך ניט".

א אומאויפהערלעך פייער האָט גענומען שפּריצן פון הימל. דער ארומיקער רויך האָט געשטיקט אויף דערוואַרגן צו ווערן. דאָס גאנצע שטעטל איז פארוואָרפן מיט מתים. דאָס שטעטל [illegible] און אירע פייערצונגען פארכאפּן אלץ מערער און מערער.

קיין איין ציגל וועט דאָ [illegible] מענטש וועט דאָ ניט פארבלייבן לעבן, יעדער [illegible] לויפנדיקער שרייט צום דעמבענעם:

- וואָס שטייט איר ר" ייד, וואָס היט איר די שוועל, אנטלויפט ווו די אויגן טראָגן אייך...

ר" נחום ווי דער דעמב אין וואלד רירט זיך ניט פון זיין הייזקע. ער ציט קוים דעם אָטעם. פארשוואַרצט פון רויך שטייט ער ביי אן עמער וואסער און באַגיסט זיך פון צייט צו צייט אויף אויפצופרישן ~~זיך~~ דערמונטערן. זיין פרוי האלב זיניק און האלב וואַנזיניק איז אנטקומען צוזאמען מיט אירע טעכטער. אלע האבן אים שוין פארלאָזן און ער איז פארבליבן ביי דאָס זייניקע - ער רירט זיך ניט

וואַרט א שטוב מיט אלעם אין דער וועלט זי וואַרט אויף די פייערצונגען, וואָס וועלן איר א ליאַדע מינוט אריינכאפּן אין זייער געווימל און פארטיליקן.

... און עס וואַרט אויך ר" נחום. ער ווייס אז אלץ איז פארפאלן - ער ווייס עס, ער ווייס אז דאָס פייער וועט שוין ניט אויסמיידן אויך זיין שטוב - ער ווייס עס. ער ווייס אָבער נאָך עפּעס - ער ווייס, אז ער וועט זיך פון דאָ ניט אָפּרייסן...

שטארבן וועט ער און פון דאָ וועט ער ניט אנטלויפן!..

- בעסער שטארבן אין דער היים, איידער פארלוירן גיין אין דער פרעמד...

צוויי מאָל איז ר" נחום געפאלן אין חלשות און ביידע מאָל זיך אליין אָפּגעמינטערט. עפּעס א שטיק האָלץ איז אים געפאלן אין קאָפּ אריין און האָט אים פארגאָסן מיט בלוט און עפּעס א שטארקער אויפרייס האָט אים א וואָרף געטאָן אָן דער ערד, אז ער האָט ניט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט אים. ביידע מאָל אָבער האָט ער זיך ניט אונטערגעגעבן - ער וועט קעמפן ביזן לעצטן. א מענטש קען ניט לעבן אָן דעם וואָרצל. ער וועט זיך ניט לאָזן אויסוואָרצלען!...

מיט צוויי שעה שפּעטער איז "דער דעמבענער" שוין געווען אויסגעריסן מיטן וואָרצל. זיין הייזקע איז געלעגן אונטער די רוינען פון א שראָפּנעל און אלץ ארום איז געווען אזוי ארומגעכאַפּט מיט פייער, אז עס איז אים אוממעגלעך געווען ארויסצוראַטעווען א העמד. אין די מיטאָג־שעהן האָט א ווינט צעבלאָזן דאָס פייער און צעטראָגן עס איבער אלע עקן

[...]נם שטעטל. צו אונטער־צײַט האָט אַ גרויסער רעגן מיט אַ פֿאַרשפּעטיקטן געװיטער פֿון [...]ונערן און בליצן, פֿאַרלאָשן דאָס שוין סײַ־װי־סײַ פֿאַרברענטע שטעטל.

[...]אָרטאָג װען דאָס דײַטשע מיליטער האָט גענומען אַרײַנמאַרשירן אינעם שטעטל, האָבן די [...]רשטע פֿאָדער גרופּן, צװישן די פּוסטע און אָפּגעברענטע חורבות געטראָפֿן לעצנדיק אױ[...] [...] בענקל ר׳ נחומען, מיט אַ פֿאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ, טראָגנדיק אויף זיך בלויז דאָס העמ[...] [...]ון די הויזן. דאָס רויטע, שטענדיק אָפּגעברענטע פּנים איז געװען ציגײַנעריש־שװאַרץ א[...] [...]די רויטע צופּלאָסענע באָרד מיטן גאַנצן איבעריקן אויסזען האָבן געװאָרפֿן אַ שרעק איבערן אַרום. פֿודעל, זײַן טרײַער הונט װאָס איז יאָרן־לאַנג געשטאַנען און געהיטן די שטוב, האָט אין מורא׳פֿאַרן פֿײַער זיך אָפּגעריסן פֿונעם שטריק און אַװעקגעלײַגט צופֿוסנס פֿון זײַן באַלעבאָס.

– װי אויף חורבן ירושלים – האָבן די ערשטע דײַטשן צװישן זיך געמורמלט. זײ האָבן דעם עלנדן יודע מחבר געװען מיט סיגאַרעטן, מיט װאַסער, מיט קאַפּע רום. זײ האָבן אים פֿאָטאָגראַפֿירט צוזאַמען מיטן הונט אויף דעם׳פֿאָן פֿון די חורבות און אַװעק אין זײער װײַטערן װעג.

אַ גאַנצן טאָג האָט „דער דעמבענער" זיך נאָך געהאַלטן אויף די פֿיס אַרומגעקראָכן צװישן די חורבות װי אַ קראָ צװישן מצבֿות און געזוכט און געניששטערט.

אויף צומאָרגנס פֿרי זײַנען צװײ דײַטשן שיעור ניט „פֿאַריקט" געװאָרן פֿונעם אימהדיקן װאיען פֿון אַ הונט װעלכער האָט שעהן־לאַנג אומאויפֿהערלעך זיך צעגאָסן אין מוראדיקע איכה־טענער פֿון עפּעס אַ גרויסן אומגליק.

גרײט צו דורותן מיט די פֿינגער בײַ די צינגלעך פֿון זײער געװער, האָבן זײ זיך געלאָזן אין דער ריכטונג פֿונעם װאיען און זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט װי פֿאַרגליװערטע:

אויף אַ קוימען פֿון אַ אָפּגעברענט הײַזל פֿאַרװאָרפֿן מיט אַ שטיק איבער פֿאַרטשאַדעטע ציגל איז געהאָנגען אַ הויכער לאַנגער ייד מיט אַ גרויסער צעכראַסטעטער באָרד און אָנטקעגן אים איז געשטאַנען פֿודעל, ר׳ נחומס טרײַער און לעצטער דינער און געװאיעט אויף זײַן אומגליק...

דער קוימען איז געװען דאָס לעצטע פֿאַרבלײַבעניש פֿון ר׳ נחום דעם דעמבענעמס פֿאַרמעגן:

דאָ האָט ער געלעבט און דאָ איז ער געשטאָרבן...

די דײַטשן האָבן געמאַכט אַ פֿאָטאָגראַפֿישע אויפֿנאַמע און קוקנדיק זיך אײַנער דעם צװײטן אין די אויגן אַרײַן, האָבן זײ זיך שװײַגנדיק אומגעקערט צו פֿאַרענדיקן דעם פֿרישטיק...

װילנע, דעם 14־טן יולי 1941

VALSTYBINIS VILNIAUS
GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
VŽM 4675